בס"ד

# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

מכון
שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

פרשיות **אמור - בהר בחוקותי** תשפ"ג ◆ עלון מס': **113**

## דברים שבלב

אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### רבוש"ע ראטעווע מיר פון פיזור הנפש!

ביי די פתיחה פון שער הבטחון ווידמעט דער רבי אפאר ווערטער איבער דער חסיד וואס בעט זיך ביי הקב"ה אז ער זאל ניצול ווערן פון 'פיזור הנפש' און דער רבי שמועסט אויס וואס איז דאס פיזור הנפש? געט דער חסיד צו פארשטיין אז פיזור הנפש מיינט אז דער מענטש זאל האבן ליגן געלט העכער יעדע טייך, העכער יעדע געגענט.

ווען מען וועט פרעגן א איד צי ער וויל האבן א גרויסער נעץ פון ביזנעסער און אינוועסטירונגען אין מערערע ערטער וועט דער ענטפער פון אסאך אידן זיין אז זיכער אז יא אבער דער רבי קוקט אן די זאך אנדערש.

ביי דעם רבי'ן איז קלאר אז דער איד וואס האט אינוועסטירונגען אין נעפט גראבעריי, אין נייע פליגערס, אין הויכע טורעמעס, וועוו פון צופרי ביז ביינאכט איז ער פארנומען צו זארגן וואס ער גייט טון מיט זיינע געלטער און ער דארף מאכן באשלוסן פאר אנדערע און נאכגיין זיינע געשעפטן ווי דער וואס האט נישט קיין מנוחה, ווי דער וואס ליידט פון פיזור הנפש, ווייל פון צופרי ביז ביינאכט איז ער פאר'דאגה'עט, פארזארגט וואס וועט זיין מיט זיינע געשעפטן אז ער קען זיך כמעט נישט קאנצעטרירן אויף קיין שום זאך אויף די וועלט.

געווי אויף דעם זאגן חז"ל אין מסכת אבות פרק ב' מרבה נכסים - מרבה דאגה און דער ברטנורא אויפ'ן ברענגט דארט אויך אראפ די ווערטער פון דעם חסיד השם יצילנו מפיזור הנפש.

דער געדאנק ווערט אויך אראפגעברענגט אין קהלת. דער חכם מכל האדם זאגט אז 'מתוקה שנת העובד' אז דער ארבעטער שלאפט ביינאכט א געשמאקער שלאף, ווייל איינמאל ער ענדיגט די ארבעט איז ער רואיג. ער האט צייט צוזיצן מיט די משפחה, צו לערנען שיעורי תורה, צו דאווענען במתינות, צו פארגעסן פון די ארבעט, אבער דאגעגן דער עושר האט נישט קיין מנוחה, נישט בייטאג און נישט ביינאכט און ווי דער לשון הפסוק איז 'השבע לעשיר איננו מניח לו לישון' ווייל אויך ביינאכט איז ער מלא וגדוש מיט דאגה, אז ער קען נישט פאלן א שלאף.

אזא איינער איז נישט קיין אמת'ע עושר. דער אמת'ער עושר איז דער שמח בחלקו. דער איד וואס שעצט וואס ער האט אויף די מינוט. דער שמח בחלקו האט טאקע נישט אוועקגעלייגט קיין מיליאנער אין באנק אבער עס פעלט אים נישט קיין מיליאנען ווייל ער דארף נישט וואס יענער האט, ער איז צופרידן מיט וואס ער האט יעצט אין טאש און דאס איז בעסער ווי דער וואס האט אסאך אבער ער איז נישט צופרידן מיט וואס ער האט.

עס מיינט נישט אז מען מעג נישט האנדלען. מען קען האנדלען און אינוועסטירן געלט איבעראל אבער דער ריכטיגער וועג פון האנדל איז נאר מיט אמונה ובטחון.

דער אלטער פון נאוואהארדאק זצ"ל פלעגט צו זאגן אז דערווארט 'דאגה' האט אין זיך די אותיות א.ג.ד.ה. עס פעלט נאר איין ווארט אין דער סדר און דאס איז דער ב', ווייל דער בית ווייזט אויף בטחון, ווייל אז עס איז דא 'בטחון' איז נישט דא קיין דאגה.

מען קען האבן געלט און אריינגעלייגטע געלטער אין אלע גאסן אבער מען דארף האבן בטחון ווייל בטחון איז דער שליסל צו א רואיגער לעבן.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל זוכה זיין צו א לעבן פול מיט בטחון און אמונה און זוכה זיין צו שמחת החיים בקרוב ובמהרה.

[ארויסגענומען פון שיעור 16 אין שער הבטחון]

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### דער ניגון וואס האט מיר געגעבן די כוחות!

היינט, אנשטאט צו שרייבן א הקדמה, וועלן מיר אראפברענגען א בריוו וואס האט א איד האט אונז אריינגעשיקט.

דוכט זיך אונז אז נאכ'ן ליינען דעם בריוו איז איבריג צו צולייגן דערצו נאך ווערטער.

און אזוי שרייבט א איד וואס האט מיר געשיקט די בריוו זונטאג פרשת תזריע מצורע:

"עס איז פאר מיר א געוואלדיגע זכיה צו זיין פון די משפחה פון די 'השגחה פרטית האטליניע'.

איך האב דיר יעצט אנגעקלינגען, איך האב געטראכט אז עס איז אפשר יעצט צו פרי, אבער איך האב זיך נישט געקענט איינהאלטן.

איך האב געוואלט אז דו זאלסט הערן מיין קול, זאלסט אויסהערן מיינע הרגשים און זיין א שותף צו מיינע געפילן.

דו האסט נישט געענטפערט און וועגן דעם וועל איך פראבירן ארויסצוגעבן מיינע געפילן אויפ'ן פאפיר, אבער זאלסט וויסן אז מער ווי עס שטייט דא ליגט ביי מיר אויפ'ן הארץ

און יעצט צו די נושא:

'החמישי, שאין אין ביד אחד מן הברואים, אין ביד אחד מן הברואים להרע או להיטיב, כי אם, כי אם, כי אם ברשות, ברשות הבורא יתברך שמו...'

די ווערטער זינגט יעדן טאג אויף דער גוט מארגן פון דעם האטליניע, די זיבן זאכן וואס דער בעל חובת הלבבות לערנט אונז אויס. די ניגון איז א שטארקער ניגון, עס איז א יסודות'דיגער ניגון, עס דערוועקט אין איר א געוואלדיגע אינספאראציע און עס געט מיר אויסטערלישע כוחות הנפש אין יעדע צייט, אין יעדע שעה.

די לעצטע שבת האב איך געהאט א שווערע נסיון. א איד האט מיר פארשמעמט ברבים. עס איז שווער צו ערקלערן ווי טיף און שווער די בושה איז געווען. דער איד האט מקיים געווען דער 'מכה רעהו בסתר' אין א מהודר'דיגע וועג, איך בין געווען רויט פאר בושה, איך האב געשפירט ווי מיין נשמה גייט ארויס פון מיר, ווי ער פארגיסט מיין בלוט און יא, געווי אזוי ווי איך זאג, ער האט פארגאסן מיין בלוט, אין די שטיבל וואו איך דאווען, פארענט פון מיינע נאנ'סטע חברים, אבער אפילו אז די בושה איז געווען אזוי גרויס, האב איך נישט מגיב געווען.

איך האב נישט רעאגירט.

איך האב עס איגנארירט סיי בשעת ווען ער האט מיר מבזה געווען, נישט דורכאויס די גאנצע שבת און אויך נישט ווען מען האט פראבירט אריינצוגיין מיט מיר אין א שמועס וועגן די נושא.

גארנישט, איך האב גארנישט רעאגירט.

במשך די צייט האב איך זיך געהאלטן אין איין איינ'חזר'ן די דערמאנטע ליד, איך האב געזאגט פאר מיר אז ער האט גארנישט געטון, ער איז נישט שולדיג, ער איז נאר דער שטעקן, ער איז נאר דער שליח.

און ווען מען זאל אים נישט געבן די רשות צו קענען מזיק זיין און מיר טשעפענען וואלט ער עס נישט געקענט טון.

און גלייבט מיר אז די כח צו קענען שווייגן האב איך געשעפט פון ענק. ווען דער גאנצער האטליניע וואלט ווען נישט געקומען אויף די וועלט נאר וועגן דעם דיינו.

און על אחת כמה וכמה טובה כפולה ומכפולת למקום עלינו ווען עס איז דא צענדליגע צי הונדערטע אזעלכע מעשים.

אשריכם! אז איר האט זוכה געווען מרבה צו זיין כבוד שמים, זייט ווייטער מצליח אין ענקערע וועגן.

- - -

אין די טעג הייבן מיר בס"ד אן די זעקסטע יאר פון די השגחה פרטית האטליניע.

אין אזא צייט באקומען מיר א נייע מתנה פון הקב"ה, מיר האבן די נייע מאגאזין פון השגחה פרטית פאר די גאנצע משפחה.

די צענדליגע טויזנטע וואס האבן זיך שוין אנגעשלאסן אין די נייע מתנה זאגן עדות אז דער מאגאזין ברענגט אריין אין די גאנצע משפחה די שטארקייט און די כח פון אמונה, עס עפענט אויף די אויגן וויפיל מען דארף דאנקען און לויבן הקב"ה אויף די חסדים און ממשיך זיין און מתפלל זיין אז עס זאל אנקומען צו אלע אידן ממש, אין די גאנצע וועלט, אמן כן יהי רצון.

גוט שבת, **פינחס שפר**

# ניסיך שבכל יום

## וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## א ליכטיגקייט אין די פינסטערניש

די מעשה וואס איך גיי ענק מיטטיילן האט פאסירט מיט אכצן יאר צוריק. מיין טאכטער איז דעמאלטס געווען אלט צוויי יאר און זי איז ל״ע דיאגנזירט געווען מיט די ביטערע מחלה ל״ע.

זי איז געווען זייער קליין און זי האט געדארפט אריבערגיין א לאנגע סעריע פון באהאדלונגען ווי גדי כעמיטראפיע, אפעראציעס און טראנספלעטן אבער ענדע איז זי עס אריבער און זי האט זיך ערהוילט.

יעדער איינער וואס גייט אריבער אזא זאך ווייסט בחוש אז דער רבוש״ע פירט די וועלט, מען זעט אן אפענע השגחה העליונה.

מען קען אסאך ארומרעדן אבער איך וויל זיך באציען צו איין פונקט וואס איז געווען זייער באדייטפול אין יענע צייט און דאס איז די נושא פון זיין איזאלירט.

ווי מען שטעלט זיך פאר האבן די רפואות א שטארקער אפעקט אויף דעם קינד. די אמיון סיסטעם פון דאס קינד ווערט זייער אפגעשוואכט. צו פארמיידן אז דאס קינד זאל חלילה נישט ווערן אנשטעקיג מיט קיין שום קרענק ל״ע האלט מען אין איין מעסטן די אמיון סיסטעם פון דאס קינד און ווען די אמיון סיסטעם איז נידריג מוז מען איינשפארן דאס קינד אין א צימער אז זי זאל נישט קומען אין בארירונג מיט קיין איינעם.

וויסנדיג אז דאס גייט קומען האבן מיר עס געוואלט אויסרעכענען אז ווען עס קומט די יום טוב פסח זאל זי קענען פראווענען דעם יום טוב מיט אלע איבריגע קינדער. מיר האבן עס געוואלט וועגן דעם קינד אבער וועגן אלע אנדערע קינדער. די באהאנדלונגען האבן צוגעברענגט אז די קינדער זאלן זיין צוזייעט און צעווארפן זאלן זיי כאטש דער יום טוב פסח קענען זיין צוזאמען און די משפחה זאל קענען זיין פאראייניגט.

אין לויף פון די גאנצע תקופה האבן מיר זיך געשטארקט אבער וויפיל מיר האבן געפלאנט האט הקב״ה אנדערש געוואלט און צוויי טעג פאר פסח איז די היץ פון דאס קינד פלוצלונג ארויף און מיר האבן זיך שוין געזען אין שפיטאל אגאנץ יום טוב, די קינדער דא, די קינדער דארט און וואס וועט זיין אבער אויך דא האט הקב״ה אונז אינזינען געהאט. עס איז געווען אין די טעג ווען מיר זענען געווען אין שפיטאל איז צוגעקומען צו אונז א פרוי וואס ארבעט אין די סאציאלע פראגראמען און אונז געפרעגט וואס מיר פלאנען צו טון פסח.

”מיר ווייסן נישט”. האבן מיר געענטפערט דעם רייגעם.

”איך וויל ענק זאגן אז עס איז דא צוגעשטעלט

## דער בעסטער לאיער אין די וועלט

עס דערציילט ר׳ יעקב פון די שטאט בית שמש:

עס איז געווען א יאר צוריק פאר פסח ווען אויף מיין טיר אין שטוב האט געלאדענט א שווארצער צעטיל. די צעטיל האט מיר באשולדיגט אז איך האב עובר געווען אויף פאשידענע געזעצן ביים דרייוון און וועגן דעם ווער איך גע׳קנס׳עט מיט די סומע 740 שקל און עס גייט אראפ אפאר פונקטן פון מיין לייסענס.

איך בין געבליבן שטיין שאקירט און פארלוירן. פון ווען איך געדענק זיך בין איך זייער שטרענג מיט מיר אליין מיט די געזעצן. איך גלייב אז עס איז דא אין דעם אן ענין פון ׳ונשמרתם מאוד לנפשותיכם׳ און מיט א ׳מאוד׳ פון די תורה שפילט מען זיך נישט ארום. איך וועל קיינמאל נישט אריבערפארן קיין רויטע ליכט אדער פארן שנעלער ווי מען מעג און דא באשולדיגט מען מיר מיט א זאך וואס לויט וויפיל איך געדענק זיך בין איך ריין אין די נושא.

אבער, מען קען קען זיין גערעכט, אבער אזוי לאנג ווי מען טענה׳ט זיך נישט אויס און מען ווייזט נישט אויף אז מען איז גערעכט איז מען שולדיגט, בפרט אז עס שטייט אויפגעשריבן שווארץ אויף ווייס אויפ׳ן צעטיל.

אין די וועלט איז איינגעפירט אז מען קען ארייגעבן אן אפעלאט. איך האב איינגעגעבן אן אפעלאט צו אפעלירן מיין שולד אבער מען האט עס אפגעווארפן אבער איך האב נישט געהויבן קיין הענט. איך האב איינגעגעבן נאך איינס און אויך דאס האט מען אפגעווארפן.

נאכ׳ן דריטן מאל האט מען מיר איינגעמאלדן אז דאס איז עס! איך קען שוין מער נישט אפעלירן, אז איך וויל אז מען זאל מבטל זיין פון מיר די קנס מוז איך זיך ווענדן צום געריכט הויז און דא לוינט זיך שוין מער צו נעמען א לאיער. איך האב זיך פארבינדן מיט א לאיער וואס איז גוט אויסגעקאכט אין די זאך און אים געפרעגט צי ער קען מיר רעפרעזענטירן אין די געריכט הויז. דער לאיער האט געזאגט אז יא אבער עס וועט נעמען דערפאר די סומע פון 1200 שקל. די סומע איז כמעט דאפלט פון די קנס געלט אבער געלט איז נישט געווען דא די אישו, איך בין געווען מער געזארגט וועגן די פונקטן פון מיין לייסענס, יעדער דרייווער ווייסט אז אויב מען רירט אן זיינע פונקטן איז עס נישט אזא באטעמט׳ער זאך און איך האב עס געוואלט פארמיידן פאר יעדע פרייז.

איך האב זיך גע׳ספק׳עט וואס איך זאל טון אבער דאן איז מיר איינגעפאלן אז איך בין געווען אזוי פארנומען צו רעדן און צו טראכטן וועגן די קנס און די פונקטן אז איך האב זיך קיינמאל נישט געגעבן א שטעל אפ און געטראכט צו מיר רבוש״ע וואס וויל דער באשעפער פון מיר? אפשר איז בעסער אז איך אנשטאט איך זאל געבן די געלט פאר א לאיער זאל איך עס געבן פאר צדקה. נאך יענעם טאג האב איך תורם געווען די סומע פון 540 שקל פאר די האטליניע פון השגחה פרטית אז זיי זאלן קענען פארשפרייטן די גליון אין פערציג שולן און איך בין געווען רואיג אז איך האב זיך איינגעקויפט דער בעסטער לאיער אויף די וועלט.

יעצט אז די געלט איז שוין געלעגן אין די השגחה פרטית אפיס האב איך באשטימט א צייט פאר א געריכט. איך האב נישט גענומען קיין לאיער נאר מיט א רואיגער הארץ אז איך האב דער בעסטער לאיער האב איך זיך געגרייט צו די געריכט.

דער געריכט איז געווען באשטימט אויף צען דרייסיג אינדערפרי. ווען איך בין געווען אויפ׳ן וועג אין שול אריין האב איך געהאט א קליינע נסיון בנוגע די שחרית, איך האב זיך גע׳ספק׳עט צי איך זאל גיין צו די שול וואו איך דאוון יעדן טאג און דארט הייבט מען אן שחרית אביסל שפעטער אבער נאך א שטיקל הכנה, אדער זאל איך גיין צו די שול וואו מען דאווענט אביסל שנעלער. נאכ׳ן ארייינטראכטן האב איך געטראכט צו מיר אז ווי אזוי קען זיין אז צו א געריכט וואס ווערט געמאכט דורך מענטשן בין איך אזוי דערשראקן און ווען עס קומט צו תפילה און עס רעדט זיך פון דער רבוש״ע אליין בין איך גרייט אויפצוגעבן. איך האב זיך געשטארקט און זיך געשטעלט דאווענען מיט מיין קביעות׳דיגע מנין, ווען איך בין רואיג ביי מיר אז אלעס וועט זיין אין ארדענונג.




למה

לחכות עד שכבר לא ניתן יהיה להשלים את כל מה שפספסתם

הצטרפו עכשיו וקבלו

את שני המגזינים הראשונים חינם!

להצטרפות למשפחת המנויים שהכניסו את אור האמונה והבטחון הביתה

חייגו כעת:

02-6246-845

או בקו השגחה פרטית

02-30-11-300 שלוחה 9

ניתן להצטרף גם בעמדת **נדרים פלוס** תחת השם ״ מגזין השגחה פרטית״

נאכ'ן דאווענען בין איך אריבער צו די געריכט הויז. ביים אנקומען האב איך איבערגעגעבן אלע מיינע דעטאלן פאר די באאמטער און אים געפרעגט וואס דארף איך יעצט טון.

"ווארט....". זאגט ער מיר.

איך בין געזעסן אויף מיין פלאץ און איך ווארט און ווארט ואין קול ואין עונה. עס קומען אריין מענטשן, עס גיין ארויס, אבער קיין איינער קימערט זיך נישט אויף מיר. ווען עס איז אריבער היבש א שטיק צייט בין איך אריבער צו די באאמטע און אים געפרעגט וואס גייט דא?

"ווארט". האט ער איבערגע'חזר'ט דעם פזמון אבער דאסמאל האט ער אנגעפרעגט ביי די העכערע פון אים און נאך אפאר מינוט רופט ער מיר צוריק און זאגט מיר די פאלגענדע:

"דיין קלאגע איז צושטערט, די רעפארט איז אויס רעפארט, דו קענסט אהיימגיין...".

איך האב נישט געגלייבט וואס מיינע אויערן הערן. איך האב איבערגעפרעגט נאכאמאל און נאכאמאל צי איך דארף גארנישט און ווען אלע האבן פה אחד צוגעשטימט בין איך האב אהיימגעגאנגען פון דארט א צופרידענער.

איך האב גלייך אריינגעזאגט די מעשה אין האטליניע די מעשה און געדאנקט השי"ת אויף די נס.

און איין מעשה ברענגט די צווייטע. אזוי טראכטנדיג פון די נס קלינגט מען מיר אריין פון שטוב אז מען דארף געלט. עס איז דאך א אידישע שטוב און א אידישע שטוב דארף מען אייביג געלט, בפרט אז מען שטייט פאר יום טוב פסח.

איך האב געטראכט צו מיר אז ווי אזוי טאקע האב איך געקענט אויסגעבן אזא סומע געלט פאר צדקה ווען איך ווייס נישט פארדעם צי איך האב דאס געלט דערפאר אבער איך בין געווען זיכער אז פון געבן צדקה דערלייגט מען נישט.

איך האב זיך דערמאנט אז א איד האט לעצטענס גענומען פון מיר א מזוזה און עס איז בערך די סומע. איך האב אריינגעקלינגען דעם איד און ער זאגט מיר אז ער האט דאס געלט פאר מיר, אז איך קען עס קומען נעמען. איך האב טאקע גענומען דאס געלט פון אים.

און ענדע האב איך געהאט סיי מנוחת הנפש פון דער רעפארט וואס איז געווארן אויס און איך האב געהאט די זכיה צו געבן צדקה און צו זיין א חלק פון די הפצה.

איך האב געזען אז פון מפיץ זיין די אמונה דערלייגט מען קיינמאל נישט.

## א שליח פון הימל

יענעם ערב שבת ווען מיר האבן געזען אז ביי אונז אין שטוב איז נישט דא קיין רעטעך אויפ'ן טיש האט אויסגעבראכן א שטיקל בהלה אין שטוב.

ביי אסאך אידישע שטובער איז איינגעפירט אז מען עסט רעטעך שבת אבער ביי אונז אין שטוב איז די רעטעך א ספעציעלער מאכל און דאס איז די סאמע איינציגסטע סאלאט וואס איינער פון די קינדער עסן.

קיין אנדערע ברירה האט ר' צבי נישט געהאט און זיך ארויסגעלאזט אין די גאסן צו זוכן רעטעך. צו זיין מזל האט קיין איין געשעפט נישט געהאט קיין רעטעך און אזוי האט ער ארומגעוואנדערט פון איין געשעפט צו די אנדערע אבער קיין ערגעץ איז עס נישט געווען צו קויפן.

אריבערגייענדיג פון איין געשעפט צו די צווייטע האב איך זיך באגעגענט מיט א מערקווירדיגע סצענע. אין א געשעפט איז געשטאנען א יונגערמאן פארקלעמט קוקנדיג אויף די פראדוקטן אין די געשעפט און וואקעלט זיך וואס ער זאל קויפן און וואס ער זאל צוריקלייגן.

די ענגשאפט איז געווען קענטליך אויף זיין געזיכט. ר' צבי האט עס נישט געקענט צוזען און רחמנות באקומען אויף דעם איד און אים געגעבן 150 שקל.

ר' צבי איז נישט געבליבן שטיין צוזען וואס גייט געשען מיט דעם יונגערמאן אבער פונדערווייטענס האט ער געזען ווי דער יונגערמאן שיינט אויף און קלינגט אהיים צו זיין מיט איין שמחה און הייבט אן איינצוקויפן בהרחבה אויף שבת.

און וואונדער אז א מינוט דערויף האט ער געטראפן די רעטעך אין א געשעפט א מינוט אוועק פון זיין שטוב. יעצט האט ער פארשטאנען אז די גאנצע מעשה איז נאר געווען אים מזכה צו זיין מיט די גרויסע מצוה פון לעכטיג מאכן פאר א איד ערב שבת.

א גרויסע דירה וואס איז עקסטער פאר אזעלכע מצבים. אין די דירה איז דא אלעס צוגעשטעלט, א צימער פאר די חולה, א צימער פאר די משפחה, א מוזיק צימער, א גארטן, א שפיל צימער. אז איר ווילט קענט איר זיין דארט אגאנץ יום טוב".

מיר האבן זיך זייער געפריידט מיט די הצעה. די גאנצע משפחה האט זיך אריינגעצויגן דארט. מען האט געוויילט דארט אגאנץ יום טוב צוזאמען און זיך געפריידט. עס איז געווען שווער אבער עס איז געווען א שטיקל טרייסט אין די פינסטערניש.

## דער כח פון איין קאפיטעל תהלים

איך האב געהאלטן נאכ'ן איבערדעקן די קיך אויף פסח ווען איך האב באמערקט אז איך עס פעלט מיר א פסח'דיגע שיסל איבערצודעקן מיין קאך.

נו, אז עס פעלט, גייט מען קויפן. איך האב זיך נישט געפוילט און איך בין אראפ אין די לאקאלע געשעפט און געבעטן פון דער געשעפטסמאן ער זאל מיר געבן א שיסל. וועלכער נומער דארפסטו?".

"די געהעריגע סייז". האב איך געענטפערט.

"עס איז נישט דא די געהעריגע, עס איז דא אדער די קליינע אדער די גרויסע".

און אז איין געשעפט האט נישט בין איך געגאנגען צו די צווייטע אבער צו מיין וואונדער האט ער אויך נישט געהאט. יעצט בין איך שוין געווארן אביסל נערווערז. אז צוויי מענטשן האבן נישט וואו וועל איך עס טרעפן. איך האב געפרעגט דער פארקויפער וואס זאל איך טון? זאגט ער מיר אז ער ווייסט נישט, עס האט זיך שוין געענדיגט דער סטאק, די איינציגסטע עצה וואס ער האט מיר פאר מיר איז צו זאגן תהלים.

נישט זעענדיג פאר מיר קיין אנדערע עצה האב איך אים געפאלגט. איך האב געזאגט א קאפיטעל תהלים און געווארט אויף די ישועה. אזוי זוכנדיג קלינגט מיין טעלעפאן און איינער אין שטוב בעט צי איך יעצט קומען אין א צווייטע געגענט עפעס קויפן מיט אים. איך בין אריבער אין יענע געגענט און איך גיי אריין אין יענע געשעפט און פאר מיינע אויגן ליגן אויסגעלייגט די סארט שיסלעך וואס איך דארף האבן.

באצאלנדיג דערפאר זאג איך פאר'ן פארקויפער אז דעם שיסל האב איך באקומען אין די זכות פון א קאפיטעל תהלים.

זאגט ער מיר יא, איך בין גערעכט.

"זאלסט וויסן אז דער סארט שיסל האט זיך שוין געענדיגט, עס איז ארויס פון סטאק, אויך איך האב שוין נישט געהאט פון דעם נאר מיט א האלבע שעה צוריק האט איינער צוריקגעברענגט די שיסל זאגנדיג אז עס איז נישט גוט פאר זיין קאך".

דיין קאפיטעל תהלים האט דיר געברענגט די ישועה....


2
המגזינים
חינם

כל המצטרפים עד
סוף השבוע
יקבלו חינם את שני
המגזינים הראשונים
שחולק לאלפי המנויים
בחודשי ניסן, אייר

להצטרפות
למשפחת המנויים

שהכניסו את
אור האמונה
והבטחון הביתה

חייגו כעת:
02-6246-845
או בקו השגחה פרטית
02-30-11-300 שלוחה 9
ניתן להצטרף גם בעמדת נדרים פלוס
תחת השם "מגזין השגחה פרטית"



# צוהערער פרעגן
## שאלות און תשובות אין די טעמעס פון אמונה און ביטחון

עס איז דא זייער אסאך מענטשן וואס פירן זייער לעבן אויסגערכענט. יעדע הוצאה ווערט פארשריבן און געמאסטן קעגן די הכנסה. די שאלה איז צי אזא סארט ווירטשאפט איז קעגן די יסודות פון בטחון צי נישט. פון איין זייט קען מען זאגן אז א מענטש דארף נישט זיין באשעפעטיגט מיט חשבונות, ער דארף טון דאס זייניגע און גלייבן אז די איבריגע קומט פון הימל אדער קען זיין אז א מענטש דארף דווקא יא לעבן מיט א חשבון.

שאלה נומער 64 ז, א, מבני ברק

**אויפמערקזאמקייט: די אלע דערמאנטע תשובות וואס ווערן דא אראפגעברענגט זענען נישט קיין תשובות אויף הלכה למעשה. עס איז נאר א שמועס צווישן חברים דורך די חשובע לייענער. אויף די הלכה למעשה פון יעדער איינער זאל זיך יעדער מקיים דער 'עשה לך רב' און אנפרעגן ביי זיין פוסק אין די ענינים.**

### א איד דארף אויסרעכענען זיינע וועגן

**הרב משה גראסמאן מבני ברק:** ווער איז דען גרעסער פון דער חפץ חיים? אין זיין ספר ביאור הלכה פסק'נט ער אז עס פאדערט זיך פון א איד צו לעבן אויסגערעכענט און מיט א חשבון. דערביי שרייבט ער אז ליידער היינטיגע צייטן ווערן אסאך אידן נכשל אין דעם, זיי געבן נישט אכטונג אויף זייערע געלט. ער פירט אויס אז דער סוף פון אזא התהגות איז עס שלעפט אראפ א מענטש זייער נידריג, עס איז גורם אז ער זאל אנקומען צו גזילה און צו חמס וחרפה וכלימה.

**הרב יהודה געווירצמאן מבית שמש:** עס איז א דבר פשוט אז א איד דארף לעבן מיט א חשבון. גענוי ווי אין די ביזנעס וועלט ווייסט מען אז א ביזנעס וואס פירט זיך אן א חשבון וועט ענדע קראכן איז די זעלבע זאך אין די שטוב פון א מענטש אבער די זאך ווערט אויך מבואר אין חז"ל. די גמרא אין מסכך חולין [דף פד ע"ב] זאגט טוב איש חונן ומלוה יכלכל דבריו במשפט און רש"י אויפ'ן ארט זאגט אז א איד דארף לעבן אויסגערעכענט און פירן זיין שטוב לויט זיינע יכולת און זיך נישט נאכגעבן אלע זיינע תאוות לבו.

**הרב אהרון בייפוס מרכסים:** א מענטש דארף אייביג זען עס זאל זיין א באלאנס צווישן זיינע צרכים און זיינע הכנסות. די משנה אין אבות פרק ב' רעכענט אויס דברים והיפוכים און קעגן די מימרא פון רבי שמעון איזהו חכם הרואה את הנולד איז דא דער מאמר חז"ל לווה רשעים ולא ישלם. לכאורה איז שווער אז מען רעדט דאך נישט פון א גנב נאר די זאך איז אז מען רעדט פון איינער וואס איז נישט רואה את הנולד, ער לעבט נישט מיט קיין חשבון. פון דא זעט מען אז מען מוז לעבן מיט א מסודר'דיגע חשבון פון הוצאות און הכנסות.

**הרב נתנאל קרישעבסקי מירושלים:** עס איז באקאנט אז א איד דארף מאכן השתדלות אויף פרנסה לויט די הוצאות וואס ער האט. די זאך ווערט געברענגט אין ספר דרך מצותיך אין די מאמר פון תגלחת המצורע און אין דער ספר בית הלוי פרשת מקץ און אויף נאך ערטער און אזא לעבן קען מען נאר מאכן אז מען רעכענט אויס א פינקטליכער חשבון פון הכנסות און הוצאות. פון דעם קומט אויס אז דווקא דער בעל בטחון דארף מקפיד זיין צו מאכן א חשבון פון די הוצאות און די הכנסות. קעגן דעם טרעפט מען פון תלמידי בעשטה"ק אז מאכן א חשבון איז מצמצם די שפע.

**הרב נתנאל שאולזון מבית שמש:** מיר טרעפן אין רבינו יונה מסכת אבות פרק ב' וואו ער איז מסביר די ווערטער פון רבי "כל שהיא תפארת לאדם" און ער זאגט דארט אזוי: אז ווער עס האט ליב געלט און ער היט עס אפ מיט א גוטע שמירה און ער איז מתייעץ בנדיבות און מאכט סדר אין זיין געלט אז עס זאל קענען מאכן מיט איר די טוב און די ישר אין דער ארט וואו מען קען עס געבן. מען זעט פון דעם ווי שטארק ער שעצט דער האלטן סדר אויף די געלט.

### ביטחון אין הקב"ה מיט חשבון

**הרב דוד לייפער מירושלים, הרב משה יעקב רז מצפת והרב יעקב כהן מבית אל:** דער לעבן מיט א חשבון און אויפשרייבן אלע הוצאות און אלע הכנסות גייט אריין אין די גדר פון השתדלות און עס איז פון די סארט השתדלות וואס יעדער איד דארף מאכן. בנוסף צו דעם איז עס גורם אז מען זאל זען בחוש ווי אזוי הקב"ה פירט אונז אויף טריט און אויף שריט און עס איז מחזק די אמונה. מיטאמאל זעט מען בחוש ווי אזוי הוצאות פון שבת ויום טוב גייען נישט אריין אין כלל און ווי אזוי ווען א מענטש איז אין א שעת הדחק קומען צוגיין אומגעראכטענע הכנסות.

**הרב שלמה ראטמאן ממודיעין עילית:** צו לעבן אן קיין שום חשבון איז א הפקירות. איינער וואס לעבט אזוי איז נישט א בעל בטחון אבער מיט די חשבון פארלאזן מיר זיך אויף הקב"ה אז ער געט אונז אלעס וואס מיר דארפן און מיר וועלן זיך באנוצן דערמיט בשכל ובתבונה.

**הרב שמואל אליעזר ווייס מחיפה, הרב צבי פאגעל ממודיעין עילית, הרב אלעזר מנחם שיבולי מאופקים, הרב מרדכי שלום לאזאר מירושלים, הרב שלמה שמעון ראטמאן מבית שמש והרב דוד בוקר מצפת:** עס איז נישט דא קיין שום סתירה צווישן די הנהגה פון לעבן מיט א חשבון און צו זיין א מושלם אין די מידה פון בטחון. דער לעבן אויסגערעכענט און מיט א מסודר'יגע חשבון איז א וויכטיגע זאך אבער אין די זעלבע צייט דארף מען געדענקען אז אלעס וואס מען האט קומט פון הקב"ה און ער איז דער נותן כח לעשות חיל.

**הרב יוסף דשינסיקיא מחיפה והרב מרדכי יהודה ראטשטיין מבני ברק:** ווען א איד לעבט מיט א חשבון ווייסט ער וואס עס פעלט אים און ער בעט פון הקב"ה אז ער זאל משלים זיין די חסרון וואס ער האט און ווען ער איז זוכה אז זיין חסרון ווערט ערפולט ווערט ער געשטארקט אין אמונה און אין בטחון, ווייל עס איז דא א חשבון איז דא א חשבון סיי ברוחניות און סיי בגשמיות, אבער ווען א איד לעבט אן א חשבון האט ער נישט קיין חשבון נישט בגשמיות און נישט ברוחניות.

### א שאלה פאר גליון 115

איך האב ברוך השם זוכה געווען צו זיין א כולל יונגערמאן. פאר לאנגע יארן האט מיין פרוי אריינגעברענגט די פרנסה אין שטוב אריין. ממש לעצטענס האט זי פארלוירן איר ארבעט. נאך אסאך זוכן האט זי געטראפן א צווייטע ארבעט אבער די נייע ארבעט ברענגט אריין אסאך ווייניגער געלט ווי די ערשטע און עס דעקט נישט די גרויסע הוצאות. מיין שאלה איז צי מיט די זוכעריי האבן מיר יוצא געווען די חובה פון השתדלות אדער דארפן מיר ווייטער זוכן ביז מיר וועלן טרעפן א בעסערע פרנסה.

ה.י. מבית שמש

**איבערצוגעבן שאלות און ענטפערס:**

איבערצולאזן מעסעדזשעס אויף דער האטליין נומער 02-30-11-300 נאכן אויסוועלן א שפראך דרוקט 3 < 5 [דער רעקארדינג באגרעניצט צו 3 מינוט] | אין אימעיל T023011300@gmail.com | אין פקס 02-6599-189

**ענטפערס וועלן אנגענומען ווערן ביז זונטאג פרשת במדבר. און וועלן ווערן אנגענומען נאר מיט א גאנצער נאמען און די שטאט - דער נאמען פון דער פרעגער און שטאט וועט געשריבן ווערן אין ראשי תיבות.**

# א פינטעלע ליכטיגקייט
## אויסצוגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

### א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' בעריש שנעעבאלג שליט"א

### א איד דארף שעצן יעדע פרוטה וואס ער באקומט פון הימל

איינער פון די זאכן וואס וועט זיך דערקענען ביי א איד וואס לעבט מיט אמונה איז די שעצונג וואס ער האט צו יעדער אייגענטום וואס ער פארמאגט. דער איד וועט וויסן אז וואס ער באקומט פון הימל איז א מתנה פון הימל און מען דארף עס אפהיטן.

חז"ל זענען אונז מגלה אין מערערע פלעער אז הקב"ה איז חס על ממונם של ישראל. ביים באשעפער איז אלעס חשוב און מיר וועלן גיין אין זיינע וועגן און זיכער מאכן אפצוהיטן אלעס וואס מיר האבן - אז עס זאל נישט גיין לאיבוד.

אין די וואכן האבן מיר געלערנט איבער די הלכות פון נגעים. צווישן די אנדערע נגעים איז אויך דא די נגעים וואס טרעפן זיך אין דער שטוב פון א מענטש. אלע נגעים ווערן א נגע ווען דער כהן זאגט אויף זיי אז זיי זענען טמא, אבער ביי נגעי בתים טרעפן מיר אז הקב"ה האט געהייסן אז איידער דער כהן קומט אן אויפ'ן שטח דארף מען אויסליידיגן די שטוב פון אלע זאכן וואס עס איז דא אין איר, ווייל איינמאל אז דער כהן קומט צוגיין ווערן אלע כלים טמא און אזוי ווי עס איז דא כלים וואס מען קען נישט שפעטער מטהר זיין האט די תוה"ק חס געווען און געהייסן אז איידער דער כהן קומט אן זאל מען אויסליידיגן די שטוב פון די כלים.

פרעגט דער אור החיים הק' אויפ'ן ארט אז לכאורה וואלט מען געקענט ערשט רופן דער כהן און דער כהן זאל זאגן זיין מיינונג צי עס איז א נגע צי נישט און אויב ער זאגט אז עס איז א נגע זאל מען אנהייבן אויסצולײדיגן די דירה, ווייל סיי ווי סיי ווערט עס נאר טמא ווען דער כהן זאגט אז זי איז טמא?

געט דער אור החיים הק' צו פארשטיין אז די תוה"ק האט דווקא אנגעזאגט אז מען זאל אויסלייזן די נגעים איידער דער כהן קומט, ווייל איך האב מורא אז איינמאל דער כהן וועט קומען צוגיין און עס וועט זיין א חשש פון א נגע וועט מען זיך אנהייבן יאגן ארויסצונעמען די זאכן פון שטוב און פון גרויס יאגעניש וועט מען מעגליך פארגעסן עטליכע קלייניגקייטן און די קלייניגקייטן וועט ווערן פארלוירן.

מען זעט פון דעם ווי שטארק די תוה"ק איז חס אויף יעדע פרוטה אז מען האט חס געווען אויך אז קלייגעלט וועט ווערן פארלוירן אין א יאגעריי.

די תוה"ק לערנט אונז אויס אז קליינגעלט איז אויך געלט, אז איין פרוטה לפרוטה מצטרפת.

ווען א איד איז מחשיב יעדע פרוטה זאמלט ער א פרוטה נאך א פרוטה און ער האט צו דעקן זיינע צרכים. דאגעגן ווען מען איז מזלזל אין פרוטות טרעפט מען זיך מיט א גרויסער חשבון פון חובות.

די לעבן מיט אמונה רעכענט אריין אין זיך אסאך זאכן. אויסער וואס מען דארף חזר'ן מיט זיך די אמונה דארף מען אויך שעצן אלעס וואס מען באקומט און וויסן אז אלעס איז א מתנה מן השמים. ווען מען שעצט יעדע פרוטה וואס מען באקומט פון הקב"ה איז עס א סימן אז מיר זענען אמת'ע בעלי אמונה און אמת'ע אמונה איז ממשיך שפע פאר א איד, ווייל כידוע איז אמונה מלשון המשכה.

זאל הקב"ה העלפן אז מיר זאלן זוכה זיין צו לעבן מיט אמונה און נישט דארפן אנקומען צו קיין מתנות פון א בשר ודם.

די שיעורים פון הרב שנעעבאלג ווערן ארויפגעלייגט א מאל אין צוויי וואכן אויף אידיש און א מאל אין צוויי וואכן אויף העברעאיש אין נומער 2 < 3 [נאכן אויסוועלן די שפראך]

# א פרטיות'דיגע השפעה

**מצד די באקומער**

מיט א שטיק צייט צוריק האב איך איבערגעלאזט אויפ'ן טעלעפאן א פערזענליכע געשיכטע וואס איך האב מיטגעלעבט. די געשיכטע איז געווען א גרויסער נס וואס איך האב געהאט. בשעת מעשה האב איך אליין נישט געוואוסט ווי שטארק עס איז די אפעקט ווען מען דערציילט א מעשה אויפ'ן ליניע. נאר ווען איך האב געהערט פון אנדערע די גוטע גריסן האב איך אליין ארויסגענומען פון דעם א געוואלדיגע חיזוק און זיך געשטארקט אדאנק די ערציילונג. איך וויל איבערגעבן א ווארעמע דאנק פאר די מערכת און מוטיגן אלע וואס לאזן איבער ערציילונגען אויפ'ן האטליניע.

**מצד די געבער**

אין א טאג האבן מיר דערהאלטן א סומע געלט. די סומע איז געשיקט געווארן צו אונז דורך איינער פון די גדולי הדור. דער גדול הדור האט געהייסן איבערגעבן אז ער שיקט די סומע פאר פדיון נפש פאר א בחור וואס איז ליידער אראפ פון וועג און ער געט עס ווייל די זכות פון די הפצת האמונה איז זייער שטארק און ער וויל אז די זכות זאל עומד זיין פאר'ן בחור ער זאל חוזר זיין בתשובה.


נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט

און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק

**צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים**

**רוף יעצט אריין: 02.6313.742**

| העברה לבנק | משלוח בדואר | בעמדות נדרים |
| --- | --- | --- |
| לאומי סניף 902 | לת.ד. 5475 | פלוס על שם |
| חשבון 57390056 | ירושלים | 'שער הבטחון' |


## טייערע לייענער

לעת עתה ווערט אונזער גליון דאהי נאר פארשפרייט אין די אי מעיל'ס אדער אין די געדורקטע קובצים פון די גליונות.

מיר האפן זייער שטארק אז בקרוב וועלן מיר קענען דרוקן עקסטער אונזער גליון אבער אויף דערווייל שטעלן מיר צו די מעגליכקייט איר זאלט עס קענען דרוקן פאר א מינימאלישע פרייז.

אויב ווילט איר מזכה זיין די מתפללים אין אייער בית המדרש אדער פארטיילן די רייכע גליון אין אייער געגענט פארבינדט זיך מיט אונז אויפ'ן נומער:

**9722-6-313-742**

**ווילט איר אנטייל נעמען אויסצושפרייטן די גליון אין אייער געגנט**

**קלינגט אריין אין אפיס**

**02-5866-075**

מענטשליכער ענטפער צווישן די שעות 12:00 און 14:00

אויב איז נישטא קיין ענטפער לאזט איבער א מעסעדזש אין אלע שעות פון טאג און מיר וועלן אייך צוריקרופן בס"ד

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל, שרייבט צו: B023011300@GMAIL.COM

דער פארשרייבונג אין דעם אימעיל איז פאר דער גליון אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש

**דער ציל פון דעם גליון איז מקרב צו זיין אידן לעבודת השם. חלילה אז ער זאל שפערן א איד דאווענען אדער אויסהערן קריאת התורה**